העפטל 26 3 פענס

# אין דעליריום

**א. נ. שטענצל**

1־15 אויגוסט 1942 לאָנדאָן ווייטשעפּל

## אין דעליריום

עפּעס העכערס מוז דאָך זיין איבער אונז אַלע,
אַז אונזער וויטאָק שרייט שוין ווידער צום הימל,
ווען אפילו דער ענטפער נאָר דאָס ווידער־קול,
פון דעם בלוטיקן ווילדן טומל־געווימל — —

און ווען אפילו ס׳איז בלויז נאָר דאָס געכאָרכל,
פון די טויזנטער בחינם געקוילעטע — — —
ווי ס׳רוישט דאָס אַזוי קראַנק אין מיינע אויערן
מיט אַזעלכע ווערטער אַזעלכע בולטע —

אין מיין צעגליטן שאַרבן, טיף אין מיין מאַרך־ביין,
יענע שחיטה־מעסער וואָלטן זיי אויסקריצן!
און אַ גערויש פון פליגל פינסטערט איבער מיר
און אַ דונערן אַזאַ און אַן אויפבליצן — — —

אַלע מיינע פלייש־פעדעם שפּינען זיך אַריין
אין דעם פלאָנטערדיקן שטראַליקן אויפשוועבן!
ס׳איז די גאַנצע וועלט אַ נעץ אַזאַ פון שפּינען
און ס׳הערט גאָר נישט אויף דאָס אויסטערלישע וועבן.

אויף טויזנטער רעדער געדרייט האָט זיך מיין קאָפּ,
אַ פּראָפּעלער פאַר מיין פלאַטערדיק געלעגער!
נישט איך ווייס וואָס איך האָב געפרעגט און צו וועמען,
און צי איך גאָר בין דאָס געווען דער פרעגער.

קיינעם נישט כ׳האָב געזען, קיין קול נישט פאַרנומען,
אָבער אַן ענטפער כ׳האָב געהערט אויף מיין פרעגן,
פון צוקאָפּנס, פון מיין פיבערדיק געהירן,
ווען אַ פאַרחלשטער אַזוי כ׳בין געלעגן.

און נישט בלויז אַן ענטפער מיט דייטליכע ווערטער,
נאָר באַגלייט פון אַזאַ אכזריש געלעכטער,
ווי דאָס אויפגאָרגלען פון בלוט איז עס געווען
און ווי דאָס ווילדע מעסער־שאַרפן פין שעכטער:

„גישט צו קיין טעפּער שיק איך דיך קויפן אַ טאָפּ,
און נישט צו אַ זונה קינדער פון איר צו האָבן,
גראָב דיר אויס אַ גרוב און לעבעדיקערהייט
לייג דיך אַריין, דיך אַליין צו באַגראָבן.

„זיכער דאָס ערשטע וואָלט געווען אַ סך לייכטער,
און דאָס צווייטע אפשר אַ באַטעמטער ביסן,
אי טוסט גאָט׳ס שליחות, אי האָסט אַן הנאה,
און פאַרהייליקט ס׳בלייבט דיין נביאיש געוויסן.

„איך ווייס דו האָסט אַ פול מויל מיט ניין מאָס רייד,
ס׳האָט זיך אין דיר אייטערדיק צוזאַמענגענומען,
ווילסט דו ווי אַ מכה אויפגעבראָכען ווערן,
אומשטאַרבליך אַזוי כאַטש מיט ווערטער פאַרקומען.

„אָ, דו בן־אדם !“ צעלאַכט עס זיך נאָך ווילדער :
„און אַז דו וועסט זיי די גרויליקסטע אויסזוכן,
ווילדע סטראָפעס אַזעלכע פולע מיט שטראָפן,
די גאַנצע וועלט שוין מיט קללות צו פאַרפלוכן —

„וואַרטן זיי דאָך נאָך אַלץ דאָ, פון ברעג צו ברעג דאָ,
און צו וואַרטן אַזוי ווילן זיי נישט אויפהערן,
אַז דער פריינט ווי דער פיינט זיך פאַרציקנדיק איצט,
זאָל איינער מיטן צווייטן דערוואָרגן ווערן — —

„איז נישט ווי אויף געקעסטלט שפּיל־ברעט פיגורן
יעטווידעס פאָלק פאַר זיי אויף אונזער ערד־קיילעך ?
אַז איינער נאָכן צווייטן מעגן זיי פאַלן,
נאָר אַ שאַך־מאַט ס׳טאָר בלויז נישט קריגן דער מלך !

„אָ, און די ברידער דאָ, די לייבליכע ברידער,
פון יענע דאָרטן אין די געטאָ־מויערן,
האָבן זיי פאַר יענע עפּעס מער דען איבריק,
ווי נאָכן אויסראָטן דאָס ביסעלע טרויערן ?

„אָבער צוערשט מוזן זיי פאַרטיליקט ווערן,
זייער אייגן לעבן אפילו ס׳זאָל קאָסטן !
ווי־פאַר יענע דאָ די געפאַר פון די פעלקער,
איז דאָך פאַר די — זייערע ברידער פון „אָסטן“ !



„‚ס׳איז דאָס ‚לעצטע שטאַפּל׳, וועסט דו דיך צעשרייען !
‚ שוין דערגרייכט די מ״ט שערי טומאה,
ס׳האָט זיך צומאָל צוזאַמענגעזאַמלט דאָ,
ס׳גאַנצע פּסולת פון אונזער אומה.

„‚ניין, אפילו קיין שחיטה זייט איר נישט ווערט,
אָן אַ מום מוז מען זיין פאַר אַן עולה תמימה,
אָ, ווער פון אייך דאָ האָט נישט קיין פּסול,
דער ריינסטער נאָך איז סאַמע פגימה !

„‚מהומות, שחיטות — ס׳איז אַ מדרגה !!
כאָרכלענדיק אַזוי דעם האַלדז אויסצושטרעקן,
גאָט אַליין איז דער כהן גדול דעמלט,
די זון דער גאָלדענער שפּרענג־בעקן — —
— — — — — — — — — — — — —‚

„איך ווייס דו האָסט אַ פול מויל מיט ניין מאָס רייד,
ס׳האָט זיך אין דיר אויסגעבריט גיפטיקער עקל —
ווינען דאָך מענטשן אויך אַרום דעם טעמזע ברעג,
נישט נאָר ביי די טייכן פון כבר און חדקל — —

„און קריכעריש זיי ווערן, חניפיש און גרויזאַם
פאַרן זילבער־שילינג פונקט ווי פאַרן שקל — — —
„אָבער אַ צייכן מוזט דו דאָך קענען ווייזן,
אַז פאַר דיר אַליין ס׳זאָל נישט נעמען קיין עקל !

„דו מוזט דאָך דערטראָגן קענען, וואָס ס׳גייט קומען,
אַז מיט דיין מויל דו זאָלסט עס אַנדערע זאָגן !
און אַ קיקיון זאָל איך דיר לאָזן וואַקסן,
און אין אייביקייט דיין נאָמען ער זאָל טראָגן — —

„וואָרעם נישט צום רוצח שיק איך שליחים,
אפשר איז ער אַליין אַזאַ מין געשיקטער ?
פון מיר ! אָדער פון די שטאַרקערע נאָך פון אים —
ביי וועם ער אַליין אַ באַליידיקט געדריקטער — —

„און איז דאָס אַזוי שווער וואָס איך הייס דיך איצט טון,
אַ גרוב דיר אויסגראָבן, אַליין דיך אַריינלייגן
אין דיינע אָדערן זיך אַריינצובייסן,
און דערשטיקנדיק אַזוי ס׳בלוט דיינס צו זייגן.

„טון דאָס נישט טויזנטער פון דיין פאָלק אַצינד,
די אַכזריות פון אַ רוצח צו שטילן ?
מוזט דו עס דאָך וויניקסטנס אויך קענען,
ווען אַ נביא צו זיין ס׳איז דיין ווילן — —

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —“

און ווי אַ געפּענטעטער אין שטריק רייס איך זיך,
ווי געבונדן פון טויזנט פינסטערע רוחות,
היקעוואַטע ציטריק שטאַמלען מיינע ליפּן :
„ווער וויל אַ נביא זיין — — וואָס פאַר אַ שליחות — — “

פינסטערער גליוער אַזאַ דער גאַנצער אַרום,
פול מיט געכאָרכל און גסיסה־געשרייען,
און די פולע לבנה אונטער די כמאַרעס,
אַזאַ וואַקס־פּלאַטע וואָס האַלט זיך אין איין דרייען.

„ווער וויל אַ נביא זיין — — וואָס פאַר אַ שליחות — —
און דו, איז ריין אַצינד דיין געוויסן ? !“
נישט אויסגעשריגן איך האָב זיי די ווערטער —
אין מיינע ליפּן בלוטיק אַריינגעביסן !

אָבער נאָך שפּיציקער דאָס דינע געלעכטער —
אַ נאָדל איבער מיין געריַנצלט געהירן !
איז נישט מיין שאַרבן אַן אָנגעדרייטע פּלאַטע,
צעהילכט אַזוי מיט דעם גרוויליקסטן פּאַסירן ?

אָדער איז דער הילכער געשטאַנען צוקאָפּנס,
און גולם׳דיק אַזוי אין די וועלט אַריינגעשריגן,
מיט מיילער מיליאָנען פון געפאַלענע,
און מיטן פראַלן פונם רוצחישן זיגן ?

אָ, און מיט ציפּערן אַזעלכע ריזיקע,
פון די טויזנטער בחינם געקוילעטע — —
ווי ס׳רוישט דאָס אַזוי קראַנק אין מיינע אויערן,
מיט אַזעלכע קולות אַזעלכע בולטע — —

— — — — — — — — — — — —

טויב דער גאַנצער אַרום, אַ וויסטע פינסטערניש,
נאָר דאָס בייזע געלכטער וויל גאָר נישט אויפהערן !
מיט רידלעס אין האַרצן ווי ס׳וואָלט זיך געגראָבן ! !
און די ציפּערן האַלטן זיך אין איין מערן —



מיט הונדערטער, מיט טויזנטער, מיט מיליאָנען
גיי איך אין אַנגסטן אָפּ, גראָבנדיק די גריבער,
און מיט יעדן איינעם, אַריינגעוואָרפענעם,
ווער איך מיט־אַריינגעשליידערט אין מיין פיבער.

מיט טויזנט פאָר אויגן קוקט יעדעס גרוב אויף דיר,
אָ, דער מלאך־המות מיט זיינע בליקן !
גריזשען זיך מיינע ציין אין מיין דופק אַריין
און די בלוטיקע דושנעקייט, צום דערשטיקן — — —

און מיט אַמאָל ווי אויפן רידל שטיינגעבליבן,
פון מיין געלעגער ווילד אַזוי אויפגעריסן,
און ווי פון טויזנט רוחות אַרויסגעשריגן,
האָבן זיך ווערטער בלוטיק פון מיר געביסן —

דאָס גאַנצע געשען איצט פון וועלט און פון מענטש
פאַר מיינע משוגע אויפגעריסענע אויגן — —
אין דעם פינסטערן גליוער, דעם צעראַיעטן,
צוויי פּיאַווקעס האָבן זיי זיך איינגעביסן :

„אַ נביא צו זיין ! אַ שליחות !“ נישט צום מענטש —
דיר אַצינד צו ברענגען האָב איכ׳ס פאַרנומען !
און ווער זאָלסט נישט זיין און ווי גרויס זאָלסט נישט זיין,
דאָס געלעכטער דיינס וועט אויף אייביק פאַרשטומען !

„פון דעם וואָס ס׳גייט קומען, פון דעם וואָס ס׳וועט געשען — — —
אָ, ס׳איז דאָס גאַנצע פאָלק אונזערס שוין צום צייכן !
צומאָל די אַכזריות פונם פינסטערסטן טייוול,
צו דעם קומענדיקן ס׳איז נישט צו פאַרגלייכן.
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

יאָ, און אַזוי פיל געטאָ־מויערן מוזן זיין,
פינסטערע אין אַלע שטעט זיך אויפצוהייבן,
דעם „מנה מנה תקל ופרסין“ אַזוי געוואַלטיק
איבער אַלע מענטשן איצט צו קענען אים שרייבן —

„ווער איז ער דען דער מענטש — ס׳בילד פון דיין בילד !
און פאַרשאָלטן אַזוי שוין אייביק צו בלייבן ! !
אַז גרייט האַלט ער תמיד דאָס קבר פאַר יענעם,
וואָס וויל אים פון זיין געפאַלנקייט דערהייבן —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

„זע, עס האָט זיך אַ פאָלק ביי די וואָלגאַ ברעגעס
פון זיינע שקלאַפן־קייטן אַרויסגעריסן — — —
און נישט נאָר זיך — — אַלע מענטשן צו דערלייזן !
האָבן זיי זיך אין אים — בלוט־הינט איינגעביסן ! !

„די פרייהייט פונם מענטש און פון אַלע ברואים
אין זיינעם און אין זייער בלוט דערטרינקען,
אַז אין פינסטערע עבדות, אין נידריקער ש[illegible]ות,
זיי זאָלען קענען נאָך טיפער איצט פאַרזינקען — —

„יענע אַליין וואָס באַפרייט זיי זאָלען ווערן ! !
איז דאָס מיט מענטשליכן שכל צו באַגרייפן :
אַ פעטלע צו פאַרוואַרפן אויף אייגענעם האַלדז
און מיט אייגענע הענט פאַרציען דעם שלייפן ?

„גיין, נישט פון איבער מיר, נישט פונם צוקאָפּנס,
פון מיין האַרצן אַרויס ס'רייסט זיך דאָס געלעכטער,
אין פנים אַריין עס דיר צו שפייען אַצינד, —
דו, פאַראייביקטער, געהייליקטער גערעכטער ! —

„מיטן בלוט פון געפאַלענע געקוילעטע,
פון די אַלע שחיטות אין די ווילדע שלאַכטן,
וואָרעם ווער ביזטו דען — ס'בילד בלויז פון אונזער בילד,
פון אַלע מענטשליכע מעשים — דאָס פאַרטראַכטן.

„עס איז דאָך וייל הערשן דו ווילסט איבערן מענטש,
האָסט דו אין הענט אים געגעבן די כלי־זיין,
איינער דעם צווייטן פריער אויסצוהרגענען,
צו קניען דערנאָך פאַר זיין קרבן ווי קין.

„אַ נידריקן שקלאַף געמאַכט האָסט דו דיר דעם מענטש,
אַ נכנע אַזאַ ער זאָל תמיד דיר בלייבן,
נישט אין זיך, נישט אין זיין לעבעדיקן נאָנטסטן —
אין תליון אָדער אין געהענקטען ער זאָל גלייבען !

„און איז דיין ליבע נישט ווי דער בבל־טורעם :
די נאָנטסטע נאָך זאָלן די נאָנטסטע צעמישן !
און דיינע שליחים, אַז מיט זייערע פיס
דיין בלוטיקן שליאַד זיי זאָלן אים פאַרווישן.



„ס'איז דאָך אַזאַ ווערפל־בעכער פאַר דיר די וועלט
און מיר זיינען די ביינדלעך אַרויסצוואַרפן !
אָבער איז דאָס אייביקייט, איז דאָס הייליקייט,
אַ שפּיל אַזאַ בלוטיקס, אַז מ'מוז באַדאַרפן ?

„זע, עס האָט זיך אַ פאָלק ביי די וואָלגאַ ברעגעס
פון אייגענע הויטן זיך אַרויסגעשונדן — —
ס'וועט די גאַנצע וועלט [illegible] אַצינד, אַלע פעלקער
פאַרבלוטיקן אין זיינע אָפ[illegible] וונדן — — —

אָ, די מהומות איבער אונז, די שחיטות,
כאַרכלענדיק אונזערע העלדזער אויסצושטרעקן !
דו אַליין ביזט דאָך דער כהן גדול דעמלט,
די זון — דיין גאָלדענער שפרענג־בעקן — —“

נישט פאַרמאַטערט אויף אַ גראָבנדיקן רידל —
מיט דער קין־האַק אין האַנט אַזוי געשטאַנען !
און ערגעץ אַהין צו אַלע העכסטע הייכן,
מיט געוואַלטיקע כוחות כ'וואָלט שפּאַנען —

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

איז עס געווען פונם פאַל אויפן בעט־געשטעל
און פון קלאַפּ כ'בין אין חלשות־שלאָף געפאַלן,
אָדער די זון אַזוי ליכטיק אויפגעגאַנגען
און מיין צוקאָפּנס געפּולט מיט אירע שטראַלן ?

ווי ס'פאַלן דאָס די פענטעס פון מיינע גלידער,
אַזאַ לייכטקייט אַרום מיינע שטילע שלייפן,
דער גאַנצער אַרום ס'איז אַ טייל נאָר פון מיין לייב,
און מיט מיין שכל אַלץ צו קענען באַגרייפן — —

הענט אַזעלכע צערטליכע, אַזעלכע גוטע,
גלעטן אַזוי ליבלעך מיין גליאיקן שטערן —
אַ טענענדיקע פידל כ'וואָלט געווען אין זיי,
און מיינע אויערן זיינען פולע מיט הערן :

ס'איז אַזאַ אָדער־לאָזן בלויז דאָס וואָס ס'געשעט,
מיט אַ ביסל געדולד עס איבערצוטראָגן ;
פון צופיל כוחות נאָר און פון שנעלן געיעג,
ס'האָבן בייזע בלוטן צום קאָפּ צוגעשלאָגן — —

עס זיינען די טאַנקס פיאַוקעס נאָר אַזעלכע,
דאָס קראַנקע בלוט פון דער וועלט אַרויסצוזויגן ;
שפּאַנישע־פליגן אונטער די אויערן צו שטעלן —
די באָמבעס אויבן וואָס קומען אָנגעפלויגן.

דער עטער פאַרן פּנים, די קאַלטע נאָדלען,
נישט צו שפּירן דאָס שטעכן פון די פינצעטן, —
ס'איז די גאַז־מאַסקע אייליק אַרויפצוציען,
און מיט קאַלטן האַרץ דאָס גיין אויף באַיאָנעטי!

אָ, און ווען נישט פון צייט צו צייט די [illegible]זיטות
וואָלט דען אַ שריד ופליט פון אונז גע[illegible]ליבן ?
פון די בלוט־הינט שפּעלעך צוזאַמענגעיאָגטע,
ווערן מיר דאָך ערשט צו סטאַדעס צונויפגעטריבן.

ווי אַ געיאָגט שעפּסל אין קזשאַקעס פאַרפּלאָנטערט
איז די גאַנצע וועלט איצט אין די שטאַכל־דראָטן,
און מיר — — דער לעבעדיקער צייכן זיינען מיר :
אַז צו פאַרציקן, ס'וועט דעם וואָלף נישט געראָטן!

ס'איז אַ ציטערן אַזאַ פון ליכט און שאָטן,
צו שפּילן אַזוי אין אַלע אייביקייטן — —
נישט שקלאַף, נישט הערשער, ווי נישט קריג און נישט פרידן —
ס'איז דער חלום און זיין פּתרונדיק באַדייטן —

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

שעפּטשן פאַרמאַטערטע מיינע בלייכע ליפּן,
דעם קלאַנג אין מיינע אויערן צו באַגלייטן ?
אָדער איז עס אַ צערטלעך זיסער ווידער־קול,
פון יענעם טרוים אַלץ פון קומענדיקע צייטן ?

הענט אַזעלכע גוטע, אַזעלכע צערטליכע
נעמען אַראָפּ פון מיין קאָפּ גליאיקע רייפן,
זייערע פינגער, טוליענדיק אַרום מיין האַלדז,
קניפּן אויף פון פּעטלעס פאַרצויגענע שלייפן.

דער גאַנצער אַרום ס'איז אַ טייל נאָר פון מיין לייב,
מיין לעבן — פון זון אַ ציטערדיקער שטרייפן !
אַזאַ ליכטיקע שטילקייט אין מיינע גלידער —
און וואָס איז פאַרשטיין שוין און וואָס איז באַגרייפן —

געדרוקט ביי י. נאַראַדיצקי (ט.יי.) 129־131 קאַוועל סטריט, א.1.